ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# כריתות

בלשון הקודש
ואידיש

**234**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת כריתות

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת כריתות

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**

**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

**פרנסו מוטב ואם לאו עשיר ורש נפגשו עושה כולם ה' מי שעשאו עשיר לזה עושה אותו עני עני לזה עושה אותו עשיר :**

# סליק מסכת תמורה



(דף ו) **א אמר** להו רב משרשיא לבניה כי בעיתו למיזל למגמר קמי רבכון גרסו מעיקרא מתני' והדר עולו קמי רבכון וכו' :

(ע"ב) **ב אמר** מר כשהוא שוחק אומר הדק היטב היטב הדק מסייע ליה לרבי יוחנן דאמר רבי יוחנן כשם שהדבור רע ליין כך הדבור יפה לבשמים :

(סס ע"א) **ג ת"ר** פטום הקטרת הצרי והצפורן וכו' . (ע"ב) א"ר יוחנן י"א סמנין נאמרו לו למשה בסיני א"ר הונא מאי קראה (שמות ל) קח לך סמים וגו' וכו' . אמר רב חנא בר ביזנא אר"ש חסידא כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינו תענית שהרי חלבנה ריחה רע ומנאה הכתוב בין סמני הקטרת אביי אמר מהכא (דף ז ע"ב) (עמוס ט) ואגדתו על ארץ יסדה .

ת"ר

**הדק** היטב היטב הדק. המתמונה אומר כן לשוחק : **דבור** רע ליין . במסכת מנחות בפ"ק כל הקרבנות: **ואגודתו.** משמע כשכולם ביחד אז על ארץ יסדה :

---

א בעל הבית און ער בעט ביי איהם ער זאל איהם עפעס געבין . אויב דער בעל הבית גיט איהם איז גוט . און אויב ניט עשיר ורש נפגשו אז ארי מער בגעגינט זיך מיט אורעמען און דער רייכער ניט גאר ניט דעם אורעמען : עשה כלם ה' . מאכט זייא גאט פאר נייע מענטשין דער וואס איז גיוועון ביז איצט רייך . מאכט איהם גאט אורעם . און דער וואס איז גיוועון ביז איצט אורעם מאכט איהם גאט רייך :

## פרק ראשון

**א** אמר . רב משרשיא האט גזאגט צו זיינע קינדער אז איר וועט וועלין גיין לערנען פר אייער רבי . זאלט איר פריער גוט לערנען דיא משנות . דער נאך זאלט איר גיין צוא אייער רבי :

**ב** אמר . דער תנא האט גזאגט ווען מען האט גישטויסען דיא בשמים . האט דער בבאי גזאגט צום שטויסער שטוים גוט גוט זאלסטו שטויסען . צוא וואס האט מען דאס גידארפט זאגן . דער שטויסער האט דאך שוין געוואוסט אז עס דארף זיין דין גישטויסען . נאר אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט אזוי וויא דאס ריידען איז שלעכט צוא ויין . אזוי איז דאס ריידן גוט צוא בשמים ווען מען טרינקט פיל ויין איז ניט גוט אז מען רעט . ווארום מען רעט וואס עס טויג ניט צום ריידען . און אז מען שמעקט אגוטען ריח פון בשמים ווערט געעפינט דער שכל . דאמאלס איז גוט צוא ריידען . ווארום מען וועט ריידען דברים . און בשמים וואס דינער מען שטויסט שמעקט בעסער :

**ג** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט פטום הקטורת הצרי והצפורן . רבי יוחנן זאגט עלעף ערליי בשמים האט ג-ט גזאגט צו משה אויף דעם בארג סיני זאל זיין אין דיא קטורת אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה תשא . רב חנא בר ביזנא האט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין דער תענית וואס פושעי ישראל פאסטען ניט מיט . איז ער ניט קיין תענית . ווארום חלבנה האט אשלעכטען ריח און דער פסוק זאגט אז חלבנה כוז זיין צווישען דיא בשמים פון קטורת . און אז חלבנה איז ניטא טאר מען ניט מקטיר זיין דיא קטורת . אביי זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק ואגדתו על ארץ יסדה . אז אלע יודען וועלען צו זאמען גיבונדען . בלייבען זיי

שוין

ת"ר (במדבר טו) את ה' הוא מגדף איסי בן יהודה אומר כאדם האומר לחבירו גרפת קערה והסרת קסבר מגדף מברך את השם הוא ראב"ע אומר כאדם שאומר לחבירו גרפת קערה ולא חסרת קסבר מגדף היינו ע"ז:

גרפת. רי"ש מהחלפת בד': וחסרת. קהת הקערה מהתבשיל והסרת גם כעץ: קסבר מגדף היינו מברך את השם. ומילתא כבס עכל דפכט ידו בעיקר: היינו עובד ע"ז. כגון משורר ומזמר לפני ע"ז בלא עבה עבירה גדולה כל כך: כל העם היוצאין. בכתח יוצאין מלו: הרצאת דמים. זריקת דמים על המזבח:

# ארבעה מחוסרי כפרה פרק שני

(דף ט) **א רבי** אומר (שם) ככם כאבותיכם מה אבותיכם לא נכנסו לברית אלא במילה וטבילה והרצאת דמים אף הם לא יכנכו לברית אלא במילה וטבילה והרצאת דמים, מילה דכתיב (יהושע ה) כי מולים היו כל העם היוצאים וגו'. טבילה דכתיב (שמות כד) ויקח משה חצי הדם ויזרוק על העם ואין הזאה אלא טבילה. הרצאת דמים דכתיב (שם) וישלח את נערי בני ישראל ויעלו עולות וגו':

וכי

---

שוין פעסט וויא אפודאמענט אויף דער ערד. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק את ה' הוא מגדף. וואס מיינט מען מגדף: איסי בן יהודה זאגט אזוי וויא אמענטש זאגט צוא זיין חבר גרפת קערה וחסרת דוא האסט אויס גיראמט דאס עסין פון דיא שיסול אונ דוא האסט נאך מיט גענומען אשטיק פון די שיסול אויך. גרפת אונ גדפת איז איין טייטש. איז דער ווארט מגדף אויך דער טייטש פעלין. איסי בן יהודה האלט אז מגדף מיינט מען ער לעסטערט גאט ער האט גזאגט עס פעלט אגאט אויף דער וועלט. עס איז גאר קיין גאט ניטא. רבי אלעזר בן עזריה זאגט אזוי וויא אמענטש זאגט צוא זיין חבר גרפת קערה ולא חסרת: דוא האסט אויס גיראמט דאס עסין פון דיא שיסול אונ דוא האסט פון דיא שיסול גאר ניט גינומען. רבי אלעזר האלט אז מגדף מיינט מען ער דינט עבודה זרה. ער האט גיזונגען אונ געפייפט פאר דיא עבודה זרה. אונ פון דעסטוועגין גלויבט ער אז עס איז דא אגאט. נאר ער דינט צו ביידע צו גאט אונ צו די עבודה זרה:

## פרק שני

**א** רבי זאגט עס שטייט אין פסוק איר אזוי וויא אייערע עלטערין. אזוי וויא אייערע עלטערין זענען דאך ניט אריין גיגאנגען אין דעם פאר בינדונג מיט גאט ביז זייא האבען זיך מל גיוועזן אונ טובל גיוועזן ודאס מיינט מען משה האט אויף זייא געשפריצט דיא בלוט פון די קרבנות) אונ פון דיא איבעריגע בלוט פון דיא קרבנות האט ער געשפריצט אויף דעם מזבח. אזוי איר ודיא מענטשין וואס וועלין זיך מגייר זיין) וועלין אויך ניט אריין גיין אין דעם פאר בינדונג פון גאט ביז זייא וועלין זיך מל זיין אונ טובל זיין ומען וועט אויף זייא שפריצען דיא בלוט פון קרבנות. אונ פון די איבריגע בלוט וועט מען שפריצען אויף דעם מזבח. אז דיא עלטערין האבען זיך מל גיוועזן שטייט אין פסוק דאס גאנצע פאלק וואס זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים זענען גיוועזן גימלת: אז דיא עלטערין האבען זיך טובל גיוועזן שטייט אויך אין פסוק משה האט גינומען העלפט בלוט פון דיא קרבנות אונ ער האט געשפריצט אויף דעם פאלק. שפריצען מיינט מען טובל זיין ואיין טונקען. משה האט איין גיטונקט דעם פינגער אין דיא בלוט אונ האט געשפריצט). אז מען האט געשפריצט בלוט אויף דעם מזבח שטייט אויך אין פסוק משה האט געשיקט דיא יונגע מענטשין פון דיא יודען אונ זיי האבין גישאכטין עולות אונ שלמים. האט משה צוא טיילט דיא בלוט פון די קרבנות. העלפט בלוט האט ער אריין גיגאסען אין אבעקין אונ דיא אנדערע העלפט בלוט האט ער געשפריצט אויף דעם מזבח:

וכי

(במדבר ו) **ב וכי** ימות מת עליו בפתע פתאם פתע זה שוגג וכן הוא אומר (שם לה) ואם בפתע בלא איבה פתאם זה אונס וכן הוא אומר (במדבר יב) ויאמר ה' פתאם אל משה תניא אידך פתאם זה מזיד וכה"א (משלי כב) ערום ראה רעה ונסתר ופתיים עברו ונענשו:

## פרק שלישי

(דף יג ע"ב) **א ת"ר** (ויקרא י) ולהבדיל בין הקדש ובין החול אלו דמים וערכין וחרמים והקדשות ובין הטמא ובין הטהור אלו טומאות וטהרות. ולהורות זה הוראה. את כל החקים אלו המדרשות. אש-

ויאמר ה' פתאום. כבל כרתם יצאו שלשתן פ"ס הדבור:
ופתיים עברו ונענשו. פיתא מזיד דהא שוגג אלא על המזיד:
ולהבדיל. יין ושכר אל תשת בבואכם אל אהל מועד וגו' ולהבדיל וגו' ובבואכם להבדיל בין הקדש והחול מי שאין יין ושכר: דמים וערכין וחרמין וכו'. שהסורים שהוי יין לבוסם לבעלים לפרושם דדילמא לא שיימו להו שפיר: זו הוראה. פי' על איסור והיתר שהוי יין אסורין בה בתהלכות. שדורשין בפסקא אסור לשהוי יין בי פרס הוראה: הלכה. למשה מסיני: (ויותר נראה לפרש מדרשות דבר שלא ממדרש חכמים כמו בי"ג דברים שהתורה נדרשת בהן וכן מוכח בפ"ק דקדושין. מהרש"א):

---

**ב** וכי. עס שטייט אין פסוק ביי אנזיר אויב איינער וועט שטארבען אויף אים בפתע פתאום. פתע מיינט מען אומגעריך (ניט וויסענדיג) דער נזיר וועט זיין אין אשטוב וואס דארט ליגט אמת. אונ דער נזיר וועט ניט וויסען פון דעם מת. אונ אזוי שטייט אין פסוק ואם בפתע בלא איבה. אויב אומגעריך ניט מיט פיינדשאפט האט ער איהם אשטויס געטאהן אונ גיהרגעט: פתאום מיינט מען גינייט דער נזיר איז געווען גינייט צוא זיין אין דיא שטוב וואו דער מת ליגט. אונ אזוי שטייט אין פסוק ויאמר ה' פתאום אל משה. גאט האט גזאגט צו משה אז ער מיט אהרן אונ מרים מוזין באלד קומען צום אוהל מועד. נאך אין אברייתא האבען מיר גילערנט פתאום מיינט מען מזיד. אז איינער טוהט אזאך מוהטווילליג. למשל ער וויל טאהן דיא עבירה. אונ אזוי שטייט אין פסוק ערום ראה רעה ונסתר. דער קלוגער האט גיזעהן פאר אים דאס שלעכט וואס וועט קומען האט ער זיך פאר באהאלטען. דאס שלעכטס זאל ניט קענען קומען אויף איהם. ופתיים עברו ונענשו. אבער דיא מענטשין וואס האבען גיטאהן עבירות מוהטווילליג (אונ האבען ניט מורא גיהאט פאר דיא שלעכטס וואס וועט קומען) זענען גישטראפט גיווארין אונ די שלעכטס איז אויף זיי גיקומען. זעהן מיר די מענטשין וואס טוהען עבירות מוטווילליג הייסען פתיים. אדער פתאום:

## פרק שלישי

**א** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ולהבדיל בין הקודש ובין החול. ווען בית דין דארפען מאכען אצווישענשיידונג (אדערקענונג) וועלכע זאך איז הייליג אונ וועלכע זאך איז ניט הייליג. טארין זייא ניט טרינקען קיין וויין. דאס מיינט מען אז איינער האט גזאגט וויא פיל געלט איך בין ווערט אזוי פיל זאל איך געבין צום בית המקדש. דארף מען איהם שאצען גלייך וויא ער וואלט געווען אקנעכט צום פאר קויפען אין גאס: וויא פיל ער וואלט ווערט גיוועזן. אזוי פיל זאל ער געבין צום בית המקדש ודאס הייסט דמים. אדער ער האט גזאגט וויא פיל איך בין גישאצט אין דער תורה (אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה בחקתי) אזוי פיל געלט זאל איך געבין צום בית המקדש ודאס הייסט ערכין. אדער איינער האט גזאגט אויף זיינע אזאך דאס זאל זיין חרם איז דאס גיווארין הייליג צום בית המקדש אדער צו דיא כהנים. אדער ער האט גזאגט אויף זיינע אזאך דאס זאל זיין הייליג צום בית המקדש. אונ איצט וויל ער דעם חרם אדער דעם הקדש אויס טאהשין אויף געלט. דיא זאך זאל צוריק בלייבען ביי איהם אונ דאס געלט זאל גיהערין צום בית המקדש. דארף מען דיא זאכען אפ שאצען וויא פיל זייא זענען ווערט. אדער ווען מען דארף דעם מענטש אליין שאצען וויא פיל ער

איז

אשר דבר ה' זו הלמוד . ביד משה זו הלכה :

## פרק חמישי

(דף כב) **א פיסקא** דם הקזה שהנשמה יוצאה בו חייבין עליו איתמר איזהו דם היקז שהנשמה תלויה בו רבי יוחנן אמר כל זמן שמקלח ר"ל אמר מטפה המשחרת ואילך :

## פרק ששי

(דף כה) **א משנה** חייבי חטאות ואשמות ודאין שעבר עליהן יום הכפורים חייבין להביא לאחר יוה"כ מי שבא לידו ספק עבירה ביה"כ אפילו עם חשיכה פטור שכל היום מכפר :

(דף כח) **ב משנה** האב קודם לאם בכ"מ יכול מפני שכבוד האב עדיף על כבוד האם תלמוד לומר (ויקרא יט) איש אמו ואביו תיראו מלמד ששניהם שקולין

דם הקזה בתחלה שחור ואח"כ יוצא אדום ושזיבן בתחילה בלא קילוח בדוחק ואח"כ מקלח וסוף כשהדם מתמעט שותת ויורד כבתחלה : כל זמן שמקלח . היינו אמצעי : מטיפה המשחרת ואילך . מכשהוא מתחיל השחור והתחיל להאדים כמו דם הנפש :

אשר קרא לפני ה' השגרו אמרו הטא שאין מכיר בו אלא המקום יוה"כ מכפר אבל חיטאת ידועי ביה אין יום הכפורים מכפר ואמרו עוד בתלמוד חייבי מלקיות שעבר עליהם יוה"כ חייבים וזהו אמת כפי העיקר שהקדמנו על"ל הרמב"ם ז"ל :

---

איז ווערט [ווויא פריער שטייט] דעם טאג טארין בית דין ניט טרינקען ויין ביז נאך דעם שאצונג . ובין הטמא ובין הטהור . אונ אויב בית דין דארפען פסקנן אויף אזאך . וואס זיא איז . טהור אדער טמא . ולהורות . אדער זייא דארפען פסקנן . אויף אזאך אסור אדער מותר . את כל החוקים האלה . מיינט מען דיא רבנן דארפען דרשנן אדרשה . אשר דבר ה' מיינט מען זייא דארפען לערנען גמרא . ביד משה מיינט מען זייא דארפין לערנען דיא דינים וואס זענען גיזאגט גיווארין צוא משה אויס ווייניג אויף דעם בארג סיני . ווען מען דארף טאהן איינע פון די זאכען טאר מען ניט פריער טרינקען ויין :

## פרק חמישי

**א** פיסקא . דם . אז מען שעכט אבהמה אונ מען עסט דיא בלוט וואס שפריצט ארויס פון האלדז וואס דיא נשמה גייט ארויס מיט דיא בלוט . קומט כרת . מיר האבען גילערונט מיט וועלכע בלוט וואס גייט פון האלדז גייט ארויס דיא נשמה . רבי יוחנן זאגט מיט דיא בלוט וואס גייט וויא אשטראם . ריש לקיש זאגט אז עס הערט אויף צוא גיין די שווארצע בלוט אונ עס הייבט אן צוא גיין דיא רויטע בלוט . הייבט אן ארויס צוא גיין די נשמה :

## פרק ששי

**א** משנה . חייבי . דיא מענטשין וואס דארפין ברייגגען חטאות אדער אשמות אויף געוויסע עבירות וואס זייא האבען גיטאהן . אונ עס איז אריבער גיגאנגען יום כפור . דארפין זייא ברייגגען דיא חטאות אדער אשמות נאך יום כפור . אונ דיא מענטשין וואס דארפען ברייגגען אשמות אויף אספק . טאמער האבען זייא גיטאהן דיא עבירה . אונ עס איז אריבער גיגאנגען יום כפור . דארפין זייא שוין ניט ברייגגען דיא אשמות . אונ ווען איינעם איז גיווארין אספק אום יום כפור טאמער האט ער גיטאהן היינט דיא עבירה . אפילו עס איז שוין באלד נאכט . פון דעסטוועגין דארף ער ניט ברייגגען קיין קרבן אשם . ווארום דער גאנצער טאג יום כפור ביז נאכט איז מכפר די עבירות :

**ב** משנה . האב . אין דיא גאנצע תורה וואו עס שטייט דער מאנט פאטער אונ מוטער . שטייט פריער דער פאטער דער נאך דיא מוטער . אזוי וויא עס שטייט כבד את אביך ואת אמך . וואלט איך מיינען אז מען דארף געבין דעם פאטער מער כבוד וויא דיא מוטער . שטייט

אין

שקודין אבל אמרו חכמים האב קודם לאם מפני שהוא ואמו חייבים בכבוד אביו וכן בת"ת אם זכה הבן לפני הרב הרב קודם את האב בכל מקום מפני שהוא ואביו חייבים בכבוד רבו:

כנה נהנ"ל בסוף פ' בני עמנים בלא היה לביו ת"ח אביו קודם לרבו ואפי' היה רבו מובהק ר"ל שרוב חכמתו ממנו וזהו כוונו במה שאמר כאן אם זכה הבן לפני הרב ר"ל שקבל ממנו רוב חכמתו ומה שאמר כב"ח ר"ל להבין הלכה ולפדות ולהחיות ולפסוק מעליו כמו שנזכר במציעא והדומים לו מכל הדברים ביב נהם לסכיף מק אי חועלת רבו קודם והענין מבואר. עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

## סליק מסכת כריתות

## מסכת מעילה · פרק רביעי

(דף יז) **א שאל** רבי מתיא בן חרש את ר' שמעון בן יוחאי ברומי מנין לדם שרצים שהוא טמא א"ל דאמר קרא (ויקרא יא) וזה לכם הטמא אמרו לו תלמידיו חכים ליה בן יוחאי אמר להן תלמוד ערוך הוא בפיו של רבי אלעזר ברבי יוסי שפעם אחת גזרה מלכות גזרה על ישראל שלא ישמרו שבת ושלא ימולו בניהם ושיבעלו נדות הלך רבי ראובן בן איסטרובלי וספר קומי והלך וישב עמהם אמר להן מי שיש לו אויב

הכים ליה בן יוחאי. כלומר נתחכם בדרשה יפה. והשיב להם תלמוד ערוך הוא. לא לאמרה מדעתו בשמע מר"א בר' יוסי שאמר כן משום אביו ומגלה ליה דלמדה מר' אלעזר בר' יוסי בפעם אחת כו': וספר קומי. (בסיפר לפניו) בגילח השער שעל מצחו והניח בלורית לאהרין כמו הנכרים

---

אין פסוק איש אמו ואביו תיראו. יעדער מענטש זאל מורא האבען פאר זיין מוטער אונ פאר זיין פאטער. שטייט פריער דיא מוטער דער נאך דער פאטער. לערנט אונז דער פסוק אז זייא זענען ביידע גלייך. נאר דיא חכמים האבען גזאגט אויב דער פאטער פאר לאנגט פון זוהן ער זאל איהם בעדינען. אונ דיא מוטער פאר לאנגט פון זוהן ער זאל איר בעדינען. זאל ער פריער בעדינען דעם פאטער. דער נאך זאל ער בעדינען דיא מוטער. ווייל דער זוהן אונ דיא מוטער ביידע מוזין בעדינען אונ געבין כבוד דעם פאטער ווארום אווייב מוז געבין כבוד אונ בעדינען איר מאן. אונ אזוי איז דער דין בייא תורה לערנען. אויב דער זוהן האט זוכה געוועז צוא לערנען תורה ביי זיין רבי. איז דער רבי פריער פאר זיין פאטער צוא יעדער זאך. ווייל ער אונ זיין פאטער זענען מחויב צוא געבין כבוד דעם רבי. דאס איז נאר אז דער פאטער איז אעם הארץ. אבער אז דער פאטער איז אלמדן. אפילו ער איז ניט אזוי אלמדן וויא דער רבי. פון דעסטוועגין איז דער פאטער פריער וויא דער רבי

## פרק רביעי

**א** שאל. רבי מתיא בן חרש האט געפרעגט בייא רבי שמעון בן יוחאי אין רוים. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא בלוט פון שרצים איז טמא. האט רבי שמעון גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק וזה לכם הטמא. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי מתיא דער בן יוחאי איז קלוג געווארין. ער האט גוט גידרשת. האט רבי מתיא גזאגט בן יוחאי האט דאס ניט גזאגט מיט זיין שכל. נאר רבי אלעזר ברבי יוסי לערנט אזוי. האט בן יוחאי גיהערט פון רבי אלעזר. ווארום אמאהל האט אמלכה גוזר געוועזן אויף דיא יודען זייא זאלען ניט היטען שבת אונ זאלען ניט מל זיין זייערע קינדער אונ זייא זאלען בועל זיין זייערע ווייבער ווען זייא זענען נדות. איז רבי ראובן בן איסטרובלי גיגאנגען אונ האט אפ גיגאלט דעם פאדערשטען האלבען קאפ
און: